"שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
## והארץ האירה מכבודו

אידיש

מועתק מלשונו הזהב

מאמר מ"ג
חודש תמוז שנת תשפ"ה לפ"ק

אזוי ווי די הוצאות שטייגן כסדר, ווילן מיר בעטן אז ווער עס קען זאל
**זיך משתתף זיין בעין יפה כדי מיר זאלן קענען ווייטער ממשך זיין ביתר שאת**
איר קענט אריינרופן אין אפיס **718-586-5199** אדער טעקסטן צו **347-292-1014**
אדער אטעמאטיש דורך רופן **845-366-2793 #6054**

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**
**718-586-5199**
**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

**ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל:** dyyms12@gmail.com
**וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של 20$ עבור הוצאת עריכת הקונטרסים**
**נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9**

©
כל הזכויות שמורות

נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


ההקדמה לעבודת השי"ת ........................................ א
'שלום' צווישן ווען? ........................................ ב
א בריאה וואס גייט אויס פאר'ן איבערשטן! ........................................ ג
השתוקקות צו מעלה זיין כבוד ה' ........................................ ד
נישטא וואס זיך גרויס צו האלטן ........................................ ה
געקענט זיין ווי זיין זון חזקיהו המלך ........................................ ז
'מיני ומיניה יתקלס עילאה' ........................................ ט
'תיקון העולם'! ........................................ יא
יא - דורך מיר קומט ארויס כבוד ה'! ........................................ יב
נישט מעגליך צו פארשטיין געבן וואס מיינט "א איד"! ........................................ טו
דער 'טוב' ווערט אנטדעקט דווקא דורך דער 'רע' ........................................ טז
זעה ער זאל נישט דארפן אויספירן דורך 'כליון הרע' ........................................ יז


**חלק מהוצאות נתנדב**

**לע"נ שר הצדקות והחסד**

הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו

**(מייזעלס)**

# עמודי התווך

בס"ד

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם, אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב, להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה, להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו

ואחיו מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **צבי קליין** הי"ו

מוה"ר **שלמה פעדער** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **אהרן אלימלך לעפקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יואל הירשפעלד** הי"ו

מוה"ר **יודא ארי' מיללער** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# מאמר מ"ג

## והארץ האירה מכבודו

### ההקדמה לעבודת השי"ת

**ה' שפתי תפתח ופי יגיד תהילתך.** דער רבי זאגט אין **ליקוטי מוהר"ן** סימן י"ד[א]: **"להמשיך שלום בעולם צריך להעלות כבוד הקדוש ברוך הוא לשרשו"**.

אט די ווערטער וואס דער רבי זאגט דא, די שוּרה, איז א גרויסער שורש, דאס רירט אָן 'תיקון העולם', דאס איז דער 'תיקון הבריאה' - 'פשוטו כמשמעו'![ב].

דער **רבי** האט געזאגט[ג]: **"התורה שלי היא כולה הקדמות"**. מען זעט כמה פעמים ווי אפאר ווערטער פון רבי'ן איז אַן הקדמה אויף

---

**א.** אות א'.

**ב.** עיין ספר דורשי יחודך (יסודי היהדות ח"ב מאמר 'תכלית הבריאה') וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: אין **ליקוטי מוהר"ן** סימן ל"ז הויבט אָן דער רבי, ער ברענגט אראפ דעם זוהר (בא דף מב ע"ב), אז דער תכלית הבריאה איז: **"בְּגִין דְּיִשְׁתְּמוֹדְעִין לֵהּ"**, פשוט, מען זאל וויסן פון ה' יתברך.

דער פראָנט (פון דער מלחמה) אויף דער וועלט ארבעט אזוי שטארק מיט אזא טומל, ממש, וויאזוי זאגט דער **מסילת ישרים** (פרק א'): **"עַד שֶׁנִּמְצֵאת הַמִּלְחָמָה אֵלָיו פָּנִים וְאָחוֹר!"** דאס קומט צו זאגן, ימין ושמאל, מעלה ומטה, ממש עס איז א געוואלדיגער טומל.

דער גרעסטער טעות וואס מען האט איז, אז מען פארגעסט דעם א' - אז דער עיקר הבריאה איז 'בגין דישתמודעין ליה', אז מען זאל וויסן פון בורא עולם.

מען דארף דאס אלעמאל אנהויבן איבער א נייעס (צו חזר'ן), ווייל ברבות הדרך קען מען ממש פארגעסן פון וואנעט מען איז געקומען, מען פארגעסט וואס מען דארף טון, מען פארגעסט צו וואס מען דארף צוקומען, און אינמיטן... דער אויבערשטער זאל אפהיטן וואס קען פאסירן.

**ג.** שיחות הר"ן אות ר'.

'כל התורה כולה'. אט די ווערטער "להעלות כבוד הקדוש ברוך הוא לשרשו" איז אַן הקדמה צו דער תורה הקדושה, און דאס איז אַן הקדמה צו יעדן איד'ס עבודה.

עס זענען געווען אסאך צדיקים, אסאך ערליכע אידן, וואס וואס זיי האבן געטון האבן זיי אינזין געהאט אז עס זאל ארויסקומען דערפון א כבוד פאר ה' יתברך; און וואס מען האט נישט געטון איז געווען כדי אז פון דאס 'נישט טון' זאל זיין א כבוד פאר ה' יתברך[ד]; סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

## 'שלום' צווישן וועמען?

בפשטות לערנט מען פשט אין דעם לשון "להמשיך שלום בעולם" - 'שלום בין אדם לחבירו'. אבער למעשה, 'שלום' איז דער טייטש - די 'נבראים' זאלן זיין בשלום מיט'ן 'בורא', אט דאס איז דער ריכטיגער 'שלום'[ה].

די אלע מחלוקת'ער וועלכע זענען דא, איז טאקע ווייל עס פעלט אין דער אחדות הבריאה. אויב די בריאה איז מאוחד מיט'ן אויבערשטן, זענען נישטא קיין 'חילוקי דעות'[ו]. 'להמשיך שלום בעולם' גייט טאקע, אז דער אויבערשטער מיט דער בריאה זאלן זיין בשלום.

---

**ד.** עיין ליקוטי מוהר"ן תנ' סי' י"ב, וזל"ש: ועקר היהדות הוא רק לילך בתמימות ובפשיטות, בלי שום חכמות, ולהסתכל בכל דבר שעושה, שיהיה שם השם יתברך, ולבלי להשגיח כלל על כבוד עצמו. **רק אם יש בזה כבוד השם יתברך יעשה, ואם לאו לאו, ואזי בודאי לא יכשל לעולם.**

**ה.** עיין ליקוטי הלכות הל' שוכר ה"ב אות ד': באמת **עיקר השלום הכללי** נעשה על־ידי־זה דייקא, **על־ידי שמבטלין את הגוף לגמרי** עד שאפילו הבקשות שהם לצורך הגוף יכוון הכל לצורך הנפש כנ"ל, וזה בחינת ביטול שמבטל את עצמו לגמרי, ואזי **כשנתבטל ונכלל בשרשו בו יתברך** אזי יכול להמשיך שלום הכללי שלום בכל העולמות, כי ה' יתברך ברוך־הוא, כביכול הוא בחינת שלום, כמו שכתוב "ה' שלום". וכשנכלל בו ממשיך שלום ממנו יתברך לכל העולמות, וזה בחינת שלום הכללי.

**ו.** עיין ליקוטי הלכות שם.

## א בריאה וואס גייט אויס פאר'ן אויבערשטן!

דער **אור החיים הקדוש** זאגט טאקע; דער אויבערשטער איז דאך דער 'אחד יחיד קדמון'; אז עס איז געווארן א בריאה - איז וואס דארף זיין נאך דער בריאה? נאך דער בריאה דארף זיין אז דער בורא דארף בענקען און ליב האבן דער בריאה - און די בריאה דארף בענקען און ליב האבן דעם בורא - דאס דארף זיין! דאס איז דער תכלית, דאס איז דער 'נועם שאין לה סוף לגמרי' ממש!

איז דער ערשטער שבת וואס איז געקומען אין דער בריאה, וואס 'שבת' האט טאקע אפגעהאלטן אז דער חטא (אדה"ר) זאל נישט פועל זיין, [דער חטא האט טאקע נישט פועל געווען ביז זונטאג, ווייל עס האט נאך געשיינט דעם 'אור הגנוז' (עד מוצ"ש)], זאגט טאקע דער אור החיים הקדוש[ז], **"וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ וְכָל צְבָאָם"**[ח], עס איז געווארן אזא **"ויכולו"** פון "נִכְסְפָה וְגַם **כָּלְתָה** נַפְשִׁי"[ט], עס איז געווארן אזא מין השתוקקות פון דער בריאה צום בורא, אז אפילו די 'דומם' און 'צומח' האבן באקומען נשמות און האבן געבענקט צום אויבערשטן! אזוי דארף זיין, אז מיר זענען דיינע נבראים, דארפן מיר דיך ליב האבן! און אזוי אויך איז געווען, **"וַיְכַל אלקים בַּיּוֹם**

---

**ז.** עה"ת, בראשית ב, א, וזל"ש: גם יש לך לדעת, כי להיות שכל הנבראים במלא עולם, כל אשר רוח החיוני בו, אמרו ז"ל כי אין כל נפש מתישבת במקומה כי אם לצד שישנו לנכסף ומקוה מלא עולם הזה לא תגעל הנפש את הבשר, ולטעם זה האיר ה' עולמו מכבודו וכבודו מלא עולם ונמצא העולם בתוך תוך בוראו, ואור הבורא בתוך כל העולם וסובב עולמו, ובזה עמד ונתקיים העולם באמצעות התשוקה למצוי, והוא אומרו 'ויכלו השמים והארץ וכל צבאם', פירוש **'ויכלו'** על דרך אומרו (תהלים פד ג) **'נכספה וגם כלתה'**, ובאמצעות זה נשלמה ונתקיימה הבריאה. וטעם שהוציא הכתוב הענין בלשון זה 'ויכלו', לרמוז **כי הוא תשוקה גדולה עד כלות החלק אל הכל**, והוא בחינה גדולה מבחינת החשק והתשוקה, והוא שרמז דוד באומרו נכספה "וגם כלתה" הרי זה מגיד כי בחינה זו גדולה מבחינה שלפניה, ובאמצעות בחינה זו והתעצמותה העולם קיים, וזה הוא סוד קריאתו חי העולמים והבן, והוא סוד באור פני מלך חיים (משלי טז טו).

**ח.** בראשית ב, א.

**ט.** תהלים פד, ג.

**הַשְּׁבִיעִי מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה**"[י], דער אויבערשטער האט ליב געהאט דער בריאה[יא], עס איז געווען א יחוד פון דעם אויבערשטן מיט דער בריאה!

אט דאס איז דער שלימות וואס 'לית ביה חסרון כלל', דאס איז דער תכלית און דער 'שיא (- הויכפונקט) התענוג' וואס איז "עין לא ראתה"! און אט דאס איז טאקע דער ענין פון שבת וואס מען רופט עס "שבת **שלום**".

## השתוקקות צו מעלה זיין כבוד ה'

למעשה טאקע, בפשטות דער "להמשיך שלום בעולם" מיינט מען טאקע 'להמשיך שלום **בעולם**'. ווייל רוב מחלוקת קומט פשוט פון תאות הכבוד און רדיפת הכבוד און פון גאוה צו פון 'אביזרייהו דגאוה', אט דאס איז דער שורש פון אלע מחלוקת'ן - על־כל־פנים פון רוב מחלוקות אוודאי; און אפילו עס איז נישט - איז עס א פרומע גאוה, צו א פרומע תאות הכבוד; און אפילו עס נאר 'למחצה לשליש ולרביע', קען עס אויך אנמאכן געזונטע מחלוקות מיט לשון הרע מיט רכילות בלי גבול[יב].

---

י. בראשית שם, ב.

**יא.** שם באוהח"ק פסוק ב', וזלה"ק שם: ולמה שפירשתי בפסוק 'ויכלו' שהוא לשון 'תשוקה וחשק', יכול להתפרש גם כן אומרו '**ויכל אלקים**' וגו' על דרך אומרו (איוב יד טו) 'למעשה ידיך תכסוף', וכתיב (דברים י טו) 'רק באבותיך חשק', כי **האדון חשק וחפץ בעולמו** וזה היה באמצעות יום השביעי שנתקיים העולם כדרך שפירשנו חשק ה' ונתרצה בבריותיו.

**יב.** עיין אוסף מכתבים (מכתב נ"ח) וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: לענין השלום עם אותו אדם, וכן היסוסיך להשתתף בחבורה ששאלת עליה, שקול בדעתך ועשה חשבון נכון מה שתרויח ע"י השלום וההשתתפות בחבורה, כי בודאי תקבל הרבה נקודות אמיתיות, הן ע"י החבורה, והן ע"י הדברי תורה, להיות קיים על עמדתך בינך לבין קונך בתוך מצולות הזמן והגלים השוטפים בעולם הזה. לדעתי שהרווח יהיה יותר מההפסד גם אם בהכרח תכנע לפני אותו אדם.

ולענין החבורה שם, תעלים כמה נקודות אמת שהם אינם סובלים, ותצטרך לסבול ולהבליע את מה שאי אפשר לך לסבול, כי איך תוכל זיך צו דער האלטן במשך חיים חיותך בעולם הזה בלי חבורה, **ואם אתה סובר שאין מגיע לו כל הכבוד, הנה חצי כבוד תתן לו מה**

זאגט דער רבי: "להמשיך שלום בעולם צריך להעלות כבוד הקדוש ברוך הוא לשרשו"; דעמאלס איז אויס 'גאוה', אויס 'תאות הכבוד'; דעמאלס איז דער 'תאות הכבוד' נאר 'השתוקקות להעלות כבוד ה'', וואס די אהבה צו דעם - דאס איז דער ריכטיגער איד!

## נישטא וואס זיך גרויס צו האלטן

דער אמת איז, 'תאות הכבוד' און 'גאוה' האבן זייער א גרויסן שורש![יג] 'כבוד' געהערט צו ה' יתברך, אזוי ווי עס שטייט[יד]: "**וְלִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו יְצַרְתִּיו אַף עֲשִׂיתִיו**", דאס גייט ארויף אויף דער גאנצער בריאה 'בלי שום יוצא מן הכלל' - אלעס איז 'לכבודו יתברך'! און

---

**שמגיע לו, וחצי תתן לו בחינם...** ותתבונן עליו כמה הרבה אמת יש לו וכמה יסורים עוברין עליו מכל מקום, וסוף כל סוף הלא פעל הרבה לקרב נפשות להוציא אותם משיני הס"מ ומעמקי הקליפות, ו'אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו' (אבות ב, ד). **ולפי ההלכה מגיע לו כבוד, כדי שיהי' דבורו מקובל לפני תלמידים. ולכל רב שיש לו קהל ובני אדם שמתקרבים אליו, צריכים לכבדו כדי שיהיו דבריו נשמעים.**

וכן אם סובר אתה שאינך מוכרח ללכת אליו לבקש שלום, גם מזה לא תפסיד אם תכנע לו, כי 'המעביר על מדותיו מעבירין לו על כל פשעיו', כך אמרו חז"ל (יומא דף כג). וזה יסוד גדול, כי גם אנו מתפללים "אל תדינני כמפעלי ואל תעשה לי כחטאי", ובזה שהאדם מכניע את עצמו יותר ממה שמחויב, בזה ממשיך עליו הרבה המתקת הדינים נגד כל המקטרגים, ויעשה השי"ת לנו גם יותר ממה שמגיע לנו הרבה עד בלי די במדה טובה מרובה.

חוות דעתי שלא תתעקש, ותפסיד קצת גאוה אבל תרויח הרבה, כי סוף כל סוף מה נעשה ליום פקודה, "וְכִי יִפְקֹד מָה אֲשִׁיבֶנּוּ" (איוב לא, יד) וימינו כצל עובר על האדמה. וכבר אמרו חז"ל (שבת פח ע"ב): "הנעלבין ואינן עולבין, שומעים חרפתם ואינן משיבין, עושים מאהבה ושמחין ביסורין עליהם הכתוב אומר (שופטים ה, לא) "וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ", וכל הדברים חולפין ועוברין ואין נשאר לאדם כי אם הטוב והמדות טובות שחוטפין בזה העולם.

**יג.** עיין להלן בהמשך השיחה. גם עיין מ"ש בעל המאור על הרי"ף בגמ' ברכות דף א' ע"א, וז"ל: במקומות רבים בכתוב נקראת הנפש החיה כבוד, כדכתיב 'לכן שמח לבי ויגל כבודי'. וכתיב 'עורה כבודי'. וכתיב 'למען יזמרך כבוד'. כי הבורא אָצלה על האדם מכסא כבודו ובה נתן עליו מהודו והוא העצם הנכסף אל יסודו. כמו חושק אשר נכסף לדודו. אז יגלה אליו סודו. בדרשו הצדק בעודו. ובבקשו הנכון בכל לבבו ובכל מאדו. ובחפשו האמת כאשר תשיג ידו. כדכתיב אם תבקשנה ככסף וכמטמונים תחפשנה אז תבין יראת ה' ודעת אלהים תמצא.

**יד.** שם מג, ז.

במיוחד אויף כלל ישראל וואס זייער נשמה איז פאר דעם אראפגעקומען אויף דער וועלט - כדי דאס אויסצופירן! וואס דעמאלס זענען מיר 'בני היכלא דמלכא'.

דאס וואס די תורה איז מצַוה צו מכבד זיין דברים קדושים און תלמידי חכמים און יְרֵאים, איז ווייל דאס איז 'כבודו'; אבער א נברא מצד עצמו וואס ער איז 'בְיַד הבורא' אָן א שיעור מאל מערער ווי 'כחומר ביד היוצר', איז נישטא קיין שום מקום פאר גאוה. א נברא האט זיך אינגאנצן נישט וואס גרויסצוהאלטן.

(נאר דאס קומט אלץ) ווייל עס איז דא א סיפור פון קודם הבריאה, א מעשה מיט א 'שבירה' מיט א 'תיקון', וואס דער **מדרש**[טו] איז עס מרמז אין 'בונה עולמות ומחריבן', דאס איז א סיפור נפלא בלי-גבול באופן רוחני מאד - וואס עס טוט זיך אלץ אויף דעם סיפור - גאנץ קבלה בויעט זיך אויף דעם סיפור; וואס דאן זענען אראפגעפאלן אסאך 'חלקי הקדושה' אין די 'עמקי הקליפות' - טאקע דווקא ביי די וועלכע זענען באשאפן געווארן 'לכבודו'. [דער רבי זאגט טאקע אין **ליקוטי מוהר"ן** סימן ס"ז[טז] אז 'אלע נפשות זענען שורשם מכבוד']. דערפאר איז געווארן א שיבוש פון גאוה.

דעמאלס ווען דער 'נחש הקדמוני' האט געזאגט פאר חוה'ן, די 'אם כל חי'[יז], **"וִהְיִיתֶם כֵּאלֹקִים"**[יח], דעמאלס איז 'הטיל בה זוהמא'[יט] - א זוהמא פון 'גאוה' - עס איז אריין א גאוה אין אלע נבראים, אז דער מענטש דער נברא קען זיך גרויסהאלטן ווי א בורא...[כ] אבער

---

**טו.** בראשית רבה פ"ג ז', וז"ל: א"ר אבהו מלמד שהיה בורא עולמות ומחריבן, עד שברא את אלו, אמר דין הניין לי, יתהון לא הניין לי.

**טז.** עיין שם אות א'.

**יז.** בראשית ג, כ.

**יח.** שם, ה.

**יט.** שבת קמ"ו ע"א.

**כ.** עיין ליקוטי הלכות הל' נטילת ידים שחרית ה"ג אות ה': עיקר חטאם היה על ידי בחינת גדלות, בחינת 'אנא אמלוך', שזהו היה עיקר הסתת הנחש הקדמוני, כמו שכתוב (בראשית

דורכדעם ווערט ער אומגליקליך, ווייל ער רייסט זיך אפ פון דעם בורא - דער אויבערשטער זאל אפהיטן.

דער בליק פון א 'נברא' דארף זיין - אז ער האט א 'בורא'! און אז ער האט א בורא, איז אדרבה, האסטו דאך אלעס, ביסטו דאך נכלל אין נצחיות! א מענטש איז דאך א 'בן תמותה'; דער 'אושר' און דער גליק איז דאך נאר אז מען האט א בורא און אז מען איז מקורב צום בורא, אט דאס איז דאך דער 'אושר'!

## געקענט זיין ווי זיין זון חזקיהו המלך

על פי סוד, א מענטש וואס האט מער תאות הכבוד און מער גאוה, איז ער מסוגל מער צו האבן אַן הבנה און השגה אין גדלות הבורא. ווייל עס שטייט דאך[כא]: **"כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו"**; ממילא, אז דו האסט א 'גאוה', קענסטו האבן א געוואלדיגע השגה אין 'גדלות הבורא' און ווערן נאר מגדיל זיין דעם בורא.

עס ווערט געבראכט[כב], וואס א מענטש האט א גרעסערע קליפה, האט ער דעם היפך ממש. **רבי צדוק** ברענגט כמה ראיות אויף דעם[כג];

---

ב), "כי יודע אלקים כי ביום אכלכם ממנו ונפקחו עיניכם **והייתם כאלקים** וכו'". וכמו שארז"ל (בראשית רבא פרק יט) שאמרה להם, כל אומן שונא בני אומנותו, כי מן העץ אכל וברא את העולם וכו', היינו שהכניס בהם קנאה ותאוה למלוך ולהתגאות, כמו שכתוב שם, "והייתם כאלקים יוצרי עולמות". כאומר, למה לכם להיות נכנעים ובטלים תחתיו, הלא אם תאכלו מעץ הדעת תהיו בעצמכם אלקים ומלך כמותו?! שכָּל זה הוא בחינת אנא אמלוך הנ"ל, שרוצה להמשיך בחינת מלכות לעצמו ח"ו.

**כא.** סוכה נ"ב ע"א.

**כב.** עיין צדקת הצדיק (לר"צ מלובלין) אות מ"ט: כל אחד ידע שבמה שיצרו תוקפו ביותר הוא כלי מוכן לאותם דברים ביותר להיות נקיים וזכים אצלו. ובדברים שהירבה לפשוע בהם ידע שהוא כלי מוכן להיות דייקא באותו דבר נקי ובר לבב.

**כג.** שם בהמשך, וז"ל: הלא תראה אחז חתם התורה כמו שאמרו בחלק (סנהדרין ק"ג ע"ב) ובמדרש (בראשית רבה מ"ב ג') שמנע תינוקות של בית רבן. אמר אם אין גדיים וכו' לפי שהוא היה כלי מוכן להוליד חזקיה שהיה מרביץ תורה ביותר כדאיתא סוף פרק קמא דבבא

למשל, מען זעט, ביי 'חזקיהו מלך יהודה' שטייט[כד]: **"בָּדקו מדן ועד באר שבע ולא מצאו תינוק ותינוקת וואס איז נישט געווען בקי בהלכות טומאה וטהרה"**. ער האט נישט געפירט קיין קייסערליכע טישן, ער פלעגט עסן א סאלאט - א 'ליטרא ירק' האט ער געגעסן[כה] - און ער האט עוסק געווען בתורה.

פון וועמען איז ער ארויסגעקומען? פון אחז'ן! אחז האט מבטל געווען תורה, ער האט געזאגט "אם אין גדיים אין תַּיָשים"[כו], ער האט פארמאכט בתי כנסיות ובתי מדרשות וואו מען האט געלערנט תורה ברבים.

זאגט ער, זעה וואס איז געווען ביי אים אונטער דער קליפה, ער וואלט אליינס געקענט זיין חזקיהו ווען ער ברעכט ווען דער קליפה. פארקערט, "כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו". טאקע דווקא פון אים איז ארויס חזקיהו המלך, עס איז ארויסגעקומען זיין 'טוב' ביי זיין זון חזקיהו המלך[כז].

---

קמא (י"ז.) ופרק ב' דסנהדרין (כ':) ועד שלא נמצא עם הארץ בימיו כדאיתא בחלק (שם צ"ד ע"ב) עיין שם ממש ההיפוך.

**כד.** סנהדרין צ"ד ע"ב.

**כה.** שם.

**כו.** ירושלמי סנהדרין פ"י ה"ב וז"ל: ר' חוניה בשם ר' לעזר, למה נקרא שמו אחז? שאחז בבתי כניסיות ובבתי מדרשות. למה היה אחז דומה? למלך שהיה לו בן ומסרו לפידגוגו, והיה מבקש להורגו. אמר, אם אני הורגו הרי אני מתחייב מיתה, אלא הרי אני מושך את מניקתו ממנו, ומעצמו הוא מת. כך אמר אחז, אם אין גדיים אין תיישים, אם אין תיישים אין צאן, אם אין צאן אין רועה, אם אין רועה אין עולם, אם אין עולם כביכול. כך היה אחז סבור בדעתו לומר, אם אין קטנים אין גדולים, אם אין גדולים אין חכמים, אם אין חכמים אין נביאים, אם אין נביאים אין רוח הקודש, אם אין רוח הקודש אין בתי כנסיות ובתי מדרשות, כביכול אין הקדוש ברוך הוא משרה שכינתו על ישראל.

**כז.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' י"ז אות ז': ודע שלפעמים, כשהרע רואה שהטוב משתוקק וממשיך עצמו ורוצה לחזור למקומו, אזי הם מתגברים על הטוב ביותר ומביאים אותו לתוך העלמה יתרה, דהיינו שמביאים אותו לתוך פנימיות מחשבתם, דהיינו שמתחילים לחשוב מחשבות על זה הטוב, ועל ידי זה מכניסים את הטוב בתוך העלם והסתר יותר, בפנימיות מחשבתם, **ואזי יוצא הטוב על ידי הולדה שמולידים**, כי הטוב הוא גנוז ונעלם בפנימיות

למעשה, דער שורש פון 'תאות הכבוד' און 'גאוה' איז, צו מכבד זיין דעם בורא עולם און 'להמליכו ולייחדו' און 'להללו ולשבחו'; ממש פונקט פארקערט[כח].

עס איז שטארק מרומז אין דער מעשה פון דעם **בעל תפילה**[כט], אז דער שורש פון אלע תאוות און אלע מידות רעות איז זייער א הויכער שורש נאר עס איז אריינגעפאלן אין גרויסע טעותים[ל].

די תאוות און די מידות רעות קומען פון א הויכן פלאץ, נאר עס איז אריינגעפאלן אין גרויסע טעותים, אין א שרעקליכן שיקוץ, אין א שרעקליכן מיאוס, עס איז אריינגעפאלן אין דער סטרא אחרא, ממילא איז עס געווארן 'רע', אבער קומען קומט עס פון א הויכער שורש.

## 'מיני ומיניה יתקלס עילאה'

על־כל־פנים, דער רבי זאגט: "להמשיך שלום בעולם צריך להעלות הכבוד להקב"ה לשורשו".

עס איז דא א דוגמא צו דעם אין דער **גמרא**, אין סוטה דף מ'[לא]. די גמרא זאגט, רבי אבהו האט געהאט א מתֻרגם. ווייל דער סדר פלעגט זיין אזוי; רבי אבהו פלעגט תמיד מרביץ תורה זיין, און ער

---

מחשבתם ומחם כנ"ל, ומשם ההולדה, ועל כן יוצא הטוב בזרע הילודים, ואזי אין כח בהרע של הילודים להתגבר על הטוב שבתוכם, ואזי יוצא הטוב על ידי הילודים.

**כח.** עיין ליקוטי עצות ערך 'כבוד' (עפ"י ליקו"מ תנ' סי' ע"א): כל הבריאה לא היתה כי אם בשביל כבודו יתברך, על כן הכל נברא בשביל האדם. כי כל הגדלת כבודו יתברך תלוי בהאדם דייקא. **על כן כשבא איזה כבוד להאדם צריך ליזהר מאד שלא יקח לעצמו מן הכבוד כלום, רק שיראה להחזיר ולהעלות כל הכבוד לשם יתברך, ובזה הוא מתקן ומקיים כל העולם**, כי כל העולם ומלואו לא נברא כי אם בשביל כבודו יתברך.

**כט.** סיפורי מעשיות מעשה י"ב עיי"ש.

**ל.** עיין באריכות בליקוטי הלכות הל' תפילה ה"ד אות ג' המיוסד עפ"י מעשה זו, עיי"ש.

**לא.** ע"א.

פלעגט זיצן בראש, און ווען ער האט געזאגט א מאמר - א הייליגע מאמר - האט ער עס געזאגט בקול נמוך, ווייל ער איז געווען א נשיא. און דער מתרגם איז געשטאנען איבער אים און זיך אראפגעבויגן צו אים און האט גוט אויסגעהערט דעם מאמר ביז ער האט עס גוט פארשטאנען. דערנאך פלעגט עס דער מתרגם אויסרופן ברבים און עס גוט מסביר געווען. אזוי פלעגן זיי מרביץ תורה זיין.

האט זיך געטראפן, אז די ווייב פון דעם מתרגם האט געטראפן אשת רבי אבהו אויפ'ן גאס. האט זי איר געזאגט, "**הא דידן לא צריך ליה לדידך**" - מיין מאן דארף נישט אנקומען צו דיין מאן, ער קען נאך אזויפיל לערנען ווי אים - און ער קען נאך מער לערנען ווי אים; "**והאי דגחין וזקיף עליה**" - דאס וואס ער בויגט זיך אראפ און ער הערט זיך איין, איז "**משום יקרא דמלכותא**". רבי אבהו איז דאך געווען א מקורב למלכות, ער איז געווען א גרויסער 'נשוא פנים' בבית המלך. ווען ער פלעגט קומען, פלעגן די שפחות פון דעם מלך זינגען לכבודו - "רבא דעמיה ומדברנא דאומתיה, בריך מתייך לשלם!"[לב]. איז 'משום יקרא דמלכותא' איז ער אים מכבד; אבער מיין מאן קען מער לערנען פון דיין מאן.

האט עס די 'אשת רבי אבהו' דערציילט פאר רבי אבהו'ן. האט ער איר געזאגט, "**מה נפקא ליך מינה?**" - וואס איז דיר א חילוק?! דער עיקר איז, "**מיני ומיניה יתקלס עילאה!**" - פון מיר מיט אים אינאיינעם גייט ארויס א שבח פאר'ן בורא עולם!

די גמרא דערציילט א געוואלדיגע זאך, די גמרא דערציילט א מעשה, א ווייבערישע מעשה, ווער ווייסט וויפיל אש המחלוקת איז ארויסגעקומען פון אזעלכע מעשיות, פון ווייבער צו פון מענער וועלכע זענען ווי ווייבער, ווער ווייסט וויפיל אש המחלוקת וואס מען האט נישט געקענט פארלעשן, איז די שוועבעלע געווארן אנגעצינדן צוליב אזא נארישקייט!

---

**לב.** כתובות י"ז ע"א.

די גמרא ווייזט אונז א דוגמא ווי אזוי רבי אבהו האט מעלה געווען 'כבוד הקדוש ברוך הוא לשורשו'!

"מה נפקא ליך מינה" - וואס איז דיר א חילוק צו דיין מאן איז גרעסער צי איר מאן איז גרעסער, וואס איז דען א חילוק?! מיר האבןביידע דעם זכות - 'מיני ומיניה יתקלס עילאה'! מיר גיבןביידע איבער תורה ברבים, **"אין כבוד אלא תורה"**[לג], דאס איז דאך דער עיקר, אויף דעם איז מען אראפגעקומען אויף דער וועלט! וואס פארנעמט עס א פלאץ צו דיין מאן איז גרעסער צו איר מאן איז גרעסער? וואס פארנעמט עס ביי דיר א פלאץ די גאנצע מעשה?!...

## 'תיקון העולם'!

דער רבי זאגט אין **ליקוטי מוהר"ן** אין דעם צווייטן חלק אין תורה ע"א[לד]; **"בעשרה מאמרות נברא העולם"**[לה]. זאגט דער רבי, עס איז דא א געוויסע כבוד ה' וואס דארף ארויסגיין פון יעדן מאמר (פון די עשרה מאמרות); זאגט דער רבי, אט דאס איז די בחינה פון **"כֻּלּוֹ אֹמֵר כָּבוֹד"**.

אז 'בעשרה מאמרות' האט דער אויבערשטער באשאפן דער וועלט - איז דאך דא אין דעם א געוויסער כבוד ה'. זאגט דער רבי[לו], די

**לג.** אבות פ"ו מ"ג.

**לד.** וזל"ש: **כבוד הוא תיקון העולם**, כי כל העולם נברא בשביל הכבוד, כמו שכתוב (ישעיה מג, ז) **לכבודי בראתיו וכו'** (יומא ל"ח ע"א), היינו בשביל כבוד ה' יתברך. כי יש כבוד פרטי לכל מאמר ומאמר של העשרה מאמרות שבהם נברא העולם, אשר בשביל אותו הכבוד היה זה המאמר, שעל ידו נברא חלק פלוני מהבריאה. נמצא, שכל מאמר ומאמר יש לו כבוד מיוחד, שבשביל זה הכבוד היה אותו המאמר.

**לה.** אבות פ"ה מ"א.

**לו.** שם בהמשך: אלו שהם **בהיכלא דמלכא**, כשיש להם איזה כבוד, אזי אין לוקחין לעצמן כלל מן הכבוד, רק הם מעלין כל הכבוד להש"י כדי שיתגדל ויתעלה כבודו ית', **כדי שיהיה ע"י ז תיקון העולם** כנ"ל. והם מבינים בהכבוד, מאיזה מאמר נתהוה זה הכבוד, אשר בשביל זה הכבוד, היה אותו המאמר, שעל ידו נברא חלק מהבריאה כנ"ל. וזה בחי' (תהלים כט, ט) **ובהיכלו כולו אומר כבוד**, היינו שאצל אלו שהם בהיכלא דמלכא, הכבוד הוא, כולו אומר.

צדיקים וואס זיי זענען 'בהיכלא דמלכא', אז מען איז זיי מכבד, ווייסן זיי צו וועלכער מאמר עס געהערט דעם 'כבוד', און זיי נעמען נישט דעם כבוד פאר זיך, נאר זיי גיבן עס לגמרי איבער אינגאנצן פאר'ן אויבערשטן און עס ווערט פון דעם 'כבוד ה'".

פירט אויס דער רבי: "**ועל ידי זה נעשה תיקון בעולם**" - זיי פאררעכטן דער וועלט! אט דאס איז דער תיקון העולם, דורכדעם וואס מען איז מעלה דעם כבוד צום אויבערשטן! אט דאס איז דער תיקון העולם, און די תיקון הנבראים, און דער תיקון פון דער בריאה!

## יא - דורך מיר קומט ארויס כבוד ה'!

**רבי צדוק מלובלין** זאגט אויף א פלאץ[לז], "**קבלתי**", אז פון אלעס אין דער וועלט, פון אלע דוממים, צומחים, חיים, מדַברים, און פון אלע פרטים פון 'דומם צומח חי מדבר', וואס איז געווען און וואס איז און וואס וועט זיין, צו לטוב צו למוטב, און פון אלע ענינים וואס טוען זיך אין די 'שית אלפי שנין', פון יעדער זאך וועט ווערן כבוד ה'[לח], ווייל "**כל מה שברא הקדוש ברוך הוא לא בראו אלא לכבודו!**"[לט]

---

היינו, כולו מאמר. כי הכבוד שיש להם, הוא כולו רק בשביל המאמר, שנתהוה בשביל זה הכבוד, אשר על ידו נברא חלק מהבריאה כנ"ל.

**לז.** עיין באריכות בספרו "שיחת מלאכי השרת" פרק שלישי ובפרט מד"ה "כי כלל גדול בידינו" וכו', עיי"ש.

**לח.** עיין אוסף אמרים (תורה ותפילה מאמר י"ב) וז"ל הגה"צ שליט"א: בתורה א' בליקוטי מוהר"ן מבואר שיש להסתכל בשכל שבכל דבר. ובאמת שאם לא היה החושך על פני תהום ולא היתה זוהמא הן מצד העולם והן מצד מעשה האדם, הרי שבכל פרט ופרט מה שהיו רואים בעולם, היו רואים את השי"ת, כל נברא שבעולם מכריז על קיום הבורא, כל דומם צומח חי מדבר מעיד על חכמת הבורא ית' שבראו, ואילו היה מאיר לאדם היה רואה במו עיניו וברוב שכלו ממש, מכל דבר ומכל בעל חי, את השי"ת.

וכן נרמז בפסוק (במדבר יב ח'): "**ותמונת ה' יביט**", שכל מקום שהיה משה מביט בו, היה רואה את ה'. הרי האדם מוקף בדברים נפלאים בכל סביבותיו; כשרואה האדם עץ פשוט, הרי הוא רואה בעצם אלוקות, מה הוא רואה? עץ מגושם וקשה, וממנו עולים וצומחים פירות מגדים עדינים, טובים ומתוקים, ועלים המוציאים טעם וריח, ממש פלאי פלאות וכמו

נישטא קיין איבריגע זאך, פון אלץ קומט ארויס כבוד ה' - נאר דער פשט דערפון וועט מען וויסן לעתיד; דעמאלס ווען מען וועט שפירן דעם כבוד ה', דעמאלס וועט מען וויסן דעם גאנצן סיפור וואס דא איז געווען - וואס מען קען עס נישט היינט פארשטיין אינמיטן דער מעשה; אבער עס איז נישטא קיין זאך וואס עס קומט נישט ארויס פון דעם כבוד ה'.

אבער ווערן דארף עס ווערן דורך **"עַם זוּ יָצַרְתִּי לִי תְּהִלָּתִי יְסַפֵּרוּ"**[מ]. עס איז א 'ברית כרותה' אז עס וועט נישט ווערן נתגלה כבוד ה' נאר דורך אידן! דאס איז א 'ברית עולם' וואס קען נישט זיין אנדערש - מיר זענען די שלוחים אויף דעם! און נישט נאר בכללות, נאר בפרטות דורך 'כל אחד ואחד מישראל'! 'עם זו יצרתי לי תהלתי יספרו'. 'יספרו' איז א לשון פון 'שיינען' (מלשון 'אבן סַפִּיר') - זיי דארפן אויפשיינען דעם כבוד. 'תהלתי' - דעם כבוד ה' דארפן מיר אויפבויען!

און אט דאס ווערט דורך יעדער 'סור מרע' במחשבה, דורך יעדער 'סור מרע' במעשה, דורך יעדער 'סור מרע' בדיבור, דורך יעדן 'עשה

---

שמובא **שמט"ר** ר"ת **מ**'ראה **ט**'עם **ר**'יח, שע"י המטר יוצא מהאדמה מראה טעם וריח, ומדוע ואיך קרה הפלא הגדול הזה שבוקע מתוך העץ הקשה כל הטוב הזה - על ידי מה שבעבר הכניסו גרעין קשה בתוך האדמה?!... ועל ידו יוצאים, ללא הפסק, מדי שנה בשנה, פירות נפלאים כאלו, האם אין דבר זה מכריז על מציאות ה' בעולם ועל השגחתו הפרטית התמידית. וכן נאמר (ישעי' מג, ז): **"כל הנקרא בשמי ולכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו"** - כל מה שברא השי"ת בעולם, הכל הוא לכבודו. וכאשר מאיר לאדם מוחו, הרי הוא רואה בכל ענין פלאות, שמביאים אותו להרגש פנימי ולהתפעלות מכח הבורא שברא כל זה בחכמתו, וממילא מקושר האדם להשי"ת ע"י כל פרט ופרט שבעולם.

וזה ביאור בדברי רבינו בתחילת ספרו הק': "שצריך להסתכל תמיד בהשכל של כל דבר", בכל חפץ בכל מאורע ובכל נברא, ועי"ז מאיר לו אותו הדבר לראות ממנו את השי"ת כביכול וכלשונו הק' שם: "ולקשר עצמו אל החכמה והשכל שיש בכל דבר, כדי שיאיר לו השכל שיש בכל דבר להתקרב להשי"ת ע"י אותו הדבר, כי השכל הוא אור גדול ומאיר לו בכל דרכיו".

**לט.** אבות פ"ו מי"א.

**מ.** ישעיה מג, כא.

טוב' במחשבה, דורך יעדן 'עשה טוב' בדיבור, און דורך יעדן 'עשה טוב' במעשה, סיי 'בין אדם למקום' און סיי 'בין אדם לחבירו', און טאקע 'אנו כמו שאנו', אויף אונזער וועג 'פשוטו כמשמעו', דורך 'כל אחד ואחד מישראל'. מיט יעדער 'פעולה טובה' וואס ער טוט, צו מיט יעדעס 'פרישה מחטא' וואס ער טוט נישט, ווערט ער מיט דעם א 'שותף להקדוש ברוך הוא במעשה בראשית', ער איז זיך משתתף אין דעם כבוד ה' וואס וועט זיין לעתיד. און אדרבה, טאקע די אלע פרטים פון דוממים, צומחים, חיים, מדברים, וואס טוען זיך אפ אין דער וועלט פון אלע אומות, פון דעם אלעם וועט ווערן כבוד ה' - אבער, דורך אונזערע מעשים. דאס איז דאס.

ווי שטייט[מא], **"מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז לְמַעַן צוֹרְרֶיךָ לְהַשְׁבִּית אוֹיֵב וּמִתְנַקֵּם"**. 'עוללים' איז דער טייטש 'פארשמירט'[מב]. א מענטש קוקט צומאל אויף זיך - 'דורך מיר קומט ארויס כבוד ה'?' - **'יא! יא!'** דאס איז דאס.

פונקט ווי א איד דארף גלויבן אין בורא עולם און ער דארף גלויבן אין דער תורה הקדושה, אזוי דארפן מיר גלויבן אז מיר זענען מגזע ישראל און אז פון אונז ווערט אויפגעבויעט דער כבוד ה'[מג]. אויף דעם שטייט[מד]: **"כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם!"** דער אויבערשטער האט נחת רוח פון יעדן איינעם! פאר דעם האט ער באשאפן דער גאנצער וועלט![מה]

---

**מא.** תהלים ח, ב.

**מב.** רש"י שם.

**מג.** עיין שיחות הר"ן אות ק"מ; ליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ה אות ז'; גם עיין שם הל' נטילת ידים לסעודה ה"ו אות נ"ח מש"ש בזה"ל: צריך להאמין שבכל אחד מישראל מלובש כבודו יתברך, כי מכל אחד מישראל **אפילו הגרוע שבגרועים**, כל זמן שהוא בכלל האמונה הקדושה, ה' יתברך מקבל ממנו כבוד והתפארות פרטי, כי על ישראל גאותו וכבודו וגדלו כידוע.

**מד.** סנהדרין לז ע"א.

**מה.** עיין ליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ז אות י': חייב כל אדם לומר **בשבילי נברא העולם**, ואפילו **הפחות שבישראל** נברא שיהיה לו חלק בהתגלות מלכותו יתברך לכל באי עולם.

**נישט מעגליך צו פארשטיין געבן וואס מיינט "א איד"!**

עס שטייט אין **תנא דבי אליהו**[מו]; מיר ווייסן דאך, עס שטייט[מז]: "**מה הוא רחום אף אתה רחום, מה הוא חנון אף אתה חנון**". זאגט ער, אזוי ווי דער אויבערשטער איז 'שמח בחלקו', דארפן מיר אויך זיין 'שמח בחלקו'. דער אויבערשטער קען אויסהאלטן דער גאנצער וועלט צוליב איין עובד ה' - ער איז 'שמח בחלקו'! אזוי גרויס איז א איד!

**אזוי גרויס איז א איד!**

מ'דערציילט אז א גוי איז אמאל געקומען צום **בעש"ט** און אים געזאגט אז ער איז זייער שוואך. האט אים דער בעש"ט געזאגט, "ווייל דו זינדיגסט - ביסטו שוואך". פרעגט ער דעם בעש"ט, "און איר זינדיגט נישט?" זאגט ער, "איך בין אַן אלטער איד - איך האב דען כח צו זינדיגן?"...

האט מען געפרעגט דעם בעש"ט, "פארוואס האסטו אים נישט געזאגט אז דו ביסט א איד?". האט ער געזאגט: "**א גוי קען נישט פארשטיין וואס דאס איז א איד!**".

האט [רבי ר' ברוך'ל] געזאגט: "**און איך זאג אז מען קען נישט פאר א איד אויך גיבן צו פארשטיין וואס דאס איז א איד!**"[מח].

---

**מו.** רבה פ"א, וזל"ש: ברוך המקום ברוך הוא שמכיר בראש מה שיהיה בסוף ומגיד מראשית אחרית מקדם אשר נעשה ויודע מה שנעשה ומה שעתיד לעשות וצופה לטובה ואינו צופה לרעה עשיר, **ושמח בחלקו**, ובחכמתו ובתבונתו ברא עולמו והכינו ואח"כ ברא בו אדם והשליכו לפניו והיה מדקדק עד סוף כל הדורות וצפה שתולדותיו מקציפות. אמר, **אם אני משמר לו חובות הראשונים אין העולם עומד**. עלי להעביר ראשונות וכך עשה.

**מז.** ספרי עקב פס' מ"ט.

**מח.** מובא בכמה ספרים בשם הרה"ק רבי ברוכ'ל ממעזעבוש; עיין ספר מאמר מרדכי ערך הבעש"ט עמוד ח' אות י"ט; גם עיין נתיבות שלום קובץ שיחות חינוך והדרכה; מובא גם בספר 'בוצינא דהנורא' ערך 'ישראל'.

עס האט נישט קיין גבול א איד![מט]

אזוי ווי מען דארף גלויבן אין דער תורה הקדושה, אזוי ווי מען דארף גלויבן אין אויבערשטן, אזוי דארף מען גלויבן אין 'זרע יעקב אשר בחר'!

## דער 'טוב' ווערט אנטדעקט דווקא דורך דער 'רע'

כ'האב אמאל ארומגערעדט; אין דער בריאה איז דא 'רע' וואס קען ווערן ממש 'טוב' - עס קען נתהפך ווערן 'לטוב'. און עס איז דא 'רע' וואס איז 'כליון ואבדון'. איז אפילו פון דער 'רע' וואס וועט גיין 'לכליון ואבדון' וועט נתעלה ווערן דורך איר גאר שטארק דער 'טוב'.

שלמה המלך זאגט[נ]: "**וְרָאִיתִי אָנִי שֶׁיֵּשׁ יִתְרוֹן לַחָכְמָה מִן הַסִּכְלוּת כִּיתְרוֹן הָאוֹר מִן הַחשֶׁךְ**". דער 'אור' ווערט חשוב און נתעלה **מחמת** דעם 'חושך' הקודמו. דער 'חושך' וואס איז געווען, אט דאס איז מחשיב דעם 'אור'. אז עס איז פינסטער און מען קען זיך נישט קיין ריר געבן, דאן ווען עס ווערט ליכטיג - ערשט יעצט ווייסט מען דער מעלה פון דעם 'אור'. אבער ווען עס וואלט פריער געווען ליכטיג, וואלט מען נישט געקענט דאנקען דעם אויבערשטן אויף דעם 'נועם האור', נאר וויבאלד אז עס איז דא א 'חושך הקודם', ערשט דאן זעט מען וואס ליכטיג איז.

**רש"י** זאגט אין משלי, וואו שלמה המלך דערמאנט 'חכמה' מיינט עס 'חכמת התורה'; און וואו ער רעדט פון 'כסילות' מיינט עס 'אפיקורסות'.

---

**מט.** עיין דברי בינה פר' ויצא מש"ש: אמר הרה"ק מראדזמין זצוקללה"ה (הכוונה על הרה"ק מוהר"ר יעקב אריה זצוק"ל בעמח"ס בכורי אבי"ב) בשם הרה"ק ר"ר ברוך ממעזביז זצוקללה"ה אשר הגרוע והפחות שבפחותים מזרע ישראל, יותר טוב מן הטוב שבטובים שבאומות.

**נ.** קהלת ב, יג.

דאס הייסט, למעשה איז עס נאר א משל, א דוגמא, כדי מען זאל קענען פארשטיין אז דער 'אור' ווערט חשוב און עס ווערט נתעלה 'מחמת' דעם 'חושך'. ווייל ווען עס איז פינסטער און עס ווערט ליכטיג, דאן זעסטו דער געשמאק פון דער "ליכטיגקייט". אבער אז עס וואלט קיינמאל נישט געווען קיין 'חושך', וואלט געפעלט דעם עילוי אין דעם 'אור', ווייל עס איז קיינמאל נישט געווען קיין 'חושך'. אט דאס איז נאר א משל.

(והנמשל הוא,) דער 'כליון הרע', אט דאס וועט מאכן דעם "כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא ברא אלא לכבודו"! ווייל דורך דער 'כליון הרע' וועט ארויסקומען אזא מין 'כבוד מיוחד' וואס אָן דער 'כליון הרע' וואלט נישט געקענט אזוי נתעלה געווארן דער גילוי כבוד ה' לעתיד![נא]

## זעה ער זאל נישט דארפן אויספירן דורך 'כליון הרע'

מען זעט טאקע א פלא'דיגע זאך, אין אלע שִׁירים איז דא 'כליון הרע'; אין "אָז ישיר" איז דא 'כליון הרע' פון די מצריים; נעכטן האט מען דערמאנט איבער דעם 'שיר' פון "**מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת**"[נב]

---

**נא.** ענין זה מבואר בליקוטי הלכות הל' סימני בהמה וחיה טהורה ה"ד אות מ"א, וז"ל בא"ד: ועל כן יש כמה דברים שהאדם עושה כנגד ה' יתברך, כנגד התורה ואחר כך על ידי זה דייקא גומר ה' יתברך כרצונו. ואף על פי כן זה האדם שעשה העבירה ענוש יענש כראוי לו, כמו שמצינו בכמה דברים, כמו פרעה שהכביד את לבו כנגד ה' יתברך ועל ידי זה דייקא נתגדל ונתקדש שמו יתברך, על ידי האותות והמופתים שעשה בו עד שיצאו ישראל ברכוש גדול. נמצא שהגלות היה בודאי לטובה לישראל. ואף על פי כן בודאי יקבל פרעה ענשו כראוי לו. וכמו שמובא על פסוק "וגם את הגוי אשר יעבודו דן אנכי ואחרי כן יצאו ברכוש גדול", שאף על פי שאחרי כן יצאו ברכוש גדול, והגלות טובה גדולה לישראל, אף על פי כן, "וגם את הגוי אשר יעבודו דן אנכי", כי אף על פי כן מגיע להגוי דינו ומשפטו כראוי. וכן כל המעיקים ומצרים לישראל כמו הָמן וכו'. שכולם היו לטובת ישראל ואף על פי כן אחריתם עדי אובד וכן מתנהג ה' יתברך תמיד וכו' עיי"ש בפנים.

**נב.** תהלים צב.

וואס אדם הראשון האט געזאגט דעם ערשטן שבת. אין **מדרש**[נג] שטייט, בשעת מען האט אים געוויזן דעם 'שבת דלעתיד', דעם 'יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים', ערשט האט ער געקענט זאגן **"כִּי שִׂמַּחְתַּנִי ה' בְּפָעֳלֶךָ"** - 'ערשט פריי איך זיך מיט דיין בריאה!'. ווייטער זאגט ער, "מַה גָּדְלוּ מַעֲשֶׂיךָ ה' **מְאֹד עָמְקוּ** מַחְשְׁבֹתֶיךָ"; איי עס האט זיך דאך אפגעטון אין די 'שית אלפי שנין'? דאס איז **'עמוק מאד'** - לעתיד וועט מען עס פארשטיין.

כ'האב געזאגט; מ'זאגט דארט ווייטער **"אִישׁ בַּעַר לֹא יֵדָע וּכְסִיל לֹא יָבִין אֶת זֹאת"**. לכאורה איז דאך שווער, א חכם פארשטייט דען יא "עמקו מחשבותיך"? נאר, דער 'איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת' פארשטייט נישט אז עס איז טיף, אבער א חכם ווייסט כאטש אז עס איז טיף...[נד]

על־כל־פנים, דער אויספיר דארט איז, "בִּפְרֹחַ רְשָׁעִים כְּמוֹ עֵשֶׂב וַיָּצִיצוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן **לְהִשָּׁמְדָם עֲדֵי עַד** וְאַתָּה מָרוֹם לְעֹלָם ה'"[נה]. עס איז א שירה איבער 'השמדת הרע'. אויך אין 'שירת חנה' שטייט[נו]:

---

**נג.** פרקי דרבי אליעזר פי"ח.

**נד.** עיין באר מים חיים פר' קרח: 'וכבר כתבנו במקום אחר פירוש הכתוב (תהלים צ"ב, ו'-ז') מה גדלו מעשיך ה' מאוד עמקו מחשבותיך איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת וגו', ולכאורה להפלא הוא שאדונינו דוד המלך ע"ה ישבח את שמו יתברך שגדלו מעשיו כל כך עד שהכסיל אינו מבין בזה. ואפילו בשבח איש החכם לא ישבחנו אדם שהוא חכם יותר מן הכסיל רק ישבחנו שהוא חכם יותר מכל החכמים ומכל שכן באלהי עולם ה'. ועוד מה זאת שאמר איש בער לא ידע וגו' וכי החכם יודע גדולת מעשיו ברוך הוא ועומק מחשבותיו ואילו מתקבצים כל החכמים שבעולם ואפילו כל מלאכי מעלה ושרפים וחיות הקודש האם ידעו אפס קצה דקצה מעומק מחשבותיו אתמהא. ואולם דוד המלך ע"ה שיבח לשמו יתברך ואמר הנה אני יודע שמה מאוד גדלו מעשיך ה' ומאוד עמקו מחשבותיך עד שאי אפשר לי להשיג בהם בשום פנים בעולם. ואמנם איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת כלומר שהכסיל אינו מבין את זאת שמאוד גדלו מעשיך ומאוד עמקו מחשבותיך עד שאי אפשרי לידעם כי הוא סובר בדעתו שיודע הכל ומבין הכל. ולא כן החכם שיודע כי מעשיו ברוך הוא ועומק מחשבתו וחכמתו הנה רק אלהים הבין דרכה והוא ידע את מקומה'.

**נה.** תהלים צב, א-ט.

**נו.** שמואל-א ב, ט.

"**רְשָׁעִים בַּחֹשֶׁךְ יִדָּמּוּ**", דאס איז אויך איבער 'כריתות הרע'. און אין 'שירת דבורה' שטייט[נז]: "**כֵּן יֹאבְדוּ כָל אוֹיְבֶיךָ ה'**"; וואו עס איז דא א 'שירה' איז דא דארט 'כריתות הרע'. ווייזט אויס, פון דעם 'כליון הרע', פון דעם קומט ארויס 'כבוד ה'".

אבער דער אויבערשטער זאגט אונז: "**וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים**"[נח]; מאך נישט קיין 'רע' וואס עס זאל דארפן זיין דערפון 'כליון' וואס פון דעם זאל דער אויבערשטער דארפן גרויס ווערן, נאר "ובחרת בחיים", זיי נישט בוחר במָות; אבער למעשה פון אלעם איז דא כבוד ה'.

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן, עס זאל נמתק ווערן אלע דינים פון אונז און פון גאנץ כלל ישראל, און עס זאל נמשך ווערן מען זאל זיך דערהאלטן ביז'ן בית השלישי, און מיר זאלן זוכה זיין אז די גאולה, זאל זיין על ידינו בעזר השי"ת.

**נז**. שופטים ה, לא.

**נח**. דברים ל, יט.

בס"ד

# מזלא טבא וגדיא יאה

לכבוד האי גברא רבא ויקרא,
הרבני הגניד והתורני הנעלה, איש ישר וטוב לב

## מוה"ר **הערשל קליין** הי"ו

מעמודי התווך
לרגל נישואי בתו הכלה שתחי"ו
**עב"ג החה"ח יעקב קאפיל ב"ר אשר לעמיל הי"ו**

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא שמשמחה זו ישפע שפע רב לנו ולכל בני ישראל, ורב תענוג ונחת דקדושה כל הימים בביאת משיח צדקינו בב"א משיח צדקינו באנפין נהירין ובחדווא עילאה במהרה דידן אמן

בס"ד

# לזכרון בהיכל ה'

נשמת האשה החשובה, מפורסמת במעשיה ומידותיה הטובים

## מרת ריזל טויבא בת יחיאל מיכל ע"ה

נפטרה ביום ז"ך סיון

הונצח על ידי בנה

## מוה"ר יודא ארי' מיללער הי"ו

ונשמת הבתולה היקרה,
האירה פניה לכל סביבותיה ושמחה בחלקה

## הבתולה חיה שרה ע"ה
## בת מוה"ר נתן נטע הי"ו

נפטרה ביום י"ד תמוז תשפ"ד לפ"ק

הונצח על ידי אחותיה

## משפחת קויפמאן

המעטירה

תהא נשמותיהם צרורה בצרור החיים
עם שאר הצדיקים והצדקניות

# יאמֵץ לבך

ווען עס פאלט איין א מענטש א מחשבה זרה, אדער אז ער האט פארגעסן אז ער דארף זיך היטן, און ער איז עס נישט אליין ווייטער ממשיך, ער איז ממליך דעם אויבערשטן – 'איך וויל עס נישט ממשיך זיין ווייל דער אויבערשטער וויל נישט אז איך זאל הנאה האבן פון זוהמא!' – ווען ער צוברעכט דאס, האט ער געמאכט א תיקון און ער האט פארראכטן א פריערדיגן הרהור!

**יעדער נסיון וואס א מענטש האט, איז א גרויסער עת רצון!**

עס איז אים אונטערגעקומען למען אז ער זאל מיט דעם פארריכטן דעם עבר!

דער אויבערשטער האט רחמנות אויף אים, ער וויל אים נישט געבן קיין גיהנום ימים ושנים, גיט ער אים א נסיון, 'שטיי דאס ביי – בין איך דיר מוחל אויף די פריערדיגע עוונות!'.

אמאל ברענט אזוי שטארק דער יצר הרע, אז עס איז אַן עת רצון אז דער אויבערשטער איז מוחל כל העוונות – פשוטו כמשמעו!

עס איז אַן עת רצון!

אז מען האט נישט קיין שכל, פארקויפט מען עס ווייטער פאר א 'נזיד עדשים' רח"ל.

(שובבי"ם שנת תשס"ט לפ"ק)